# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק – אחה"צ ובערב

**בענין עבודת התפלה**
**וחידושי תורה באמצע התפלה**

**רבינו** (פנה להאדמו"ר מבורשטין): מען איז געווען באליבטע מחותנים.

**האדמו"ר מבורשטין:** דאס ענוות חן, און דאס צוגעלאזענקייט. פון יעדעןווארט האט זיך אנגעזעהן זיין יראת שמים. ער האט געברענט מיט אמונה. מיין זון האט מיר געזאגט, אז יעדן טאג נאכן דאווענען האט ער געשריבן חידושים וואס ער האט מחדש געווען ביים דאווענען. עס דארף זיין מן הסתם אסאך אפגעשריבן. מן הסתם איז עס ווארימע זאכן.

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודה:** ער האט אזוי שיין געטייטשט אויף די ווערטער, עס איז נישט געווען אריינגעקוועטשט.

**אב"ד תו"א ומסב"ג:** יעדע שבת'דיגע סעודה, נאכן דאווענען ווען מען איז ארויפגעקומען פלעגט ער זאגן, היינט ביים דאווענען האב איך געטראכט אזוי, און געזאגט עטליכע פשטים.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **טאטע ז"ל** פלעגט אויך זיצען נאכן דאווענען און שרייבען. דאס תהלים (תהלים ויאמר יהושע) איז אלעס פון נאכען דאווענען. מחשבות זרות וואס זיי האבן געהאט ביים דאווענען.

**האדמו"ר מבורשטין:** דער **צאנזער רב זי"ע** פלעגט זאגן, אז דאס איז חטאת נעורים, אז מען האט פארענטפערט א תוספות אינמיטן די שמונה עשרה. ער האט אמאל געזאגט, וואס טוט מען מיט די חטאת נעורים. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, וואס איז דעם טאטנס חטאת נעורים, אז אינמיטן די שמונה עשרה האט ער פארענטפערט א שווערן תוספות, אדער א שווערן רמב"ם.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דאס איז נאך בעסער. א שווערער רמב"ם איז פארט א זייטיגע זאך, אבער אין די ווערטער פונעם דאווענען אז עס פאלט איין א געדאנק, איז עס נאר מוסיף אז ער דאווענט מיט נאך מער כוונה, ער איז נאך טיפער אריינגעגאנגען אינעם גדול ה' ומהולל מאד, עס איז נישט דא קיין שיעור עד היכן הדברים מגיעין, עס איז א חלק פון דאווענען.

**האדמו"ר מבורשטין:** אין **קונטרס התפלה** פונעם **מהרש"ב**, איז ער מאריך אין דעם, אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פונעם דאווענען.

זיי ברענגען אויך אז דעם גאון **רבי משולם איגרא'ס** אייניקעל איז אמאל געווען ביים **צאנזער רב**, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל עפעס דערציילן פון זיין זיידען. האט ער געזאגט, אז ביי שמונה עשרה בייסט ער זיך די פינגער עד זוב דם, ער זאל קענען אינזין האבען די שמונה עשרה, און נישט טראכטען פון חריפות. און דער **צאנזער רב** האט זיך אנגערופן, ביי אונז, ווען מיר דאווענען שמונה עשרה, פארגעסן מיר פון די תורה. דאס הייסט אז ער ליגט אינגאנצן אינעם דאווענען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער זיידע דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** האט נאכגעזאגט פון זיין זיידען דער **קול אריה זצ"ל**, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן איז אים די בעסטע חידושים איינגעפאלען אינמיטן די שמונה עשרה. און זייט איך בין געווארן א חסיד, האט זיך דאס אלעס אויפגעהערט.

**א מהנוכחים:** ער האט געהאט די כח המעצר.

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** ער האט געזאגט אז עס 'האט זיך' אויפגעהערט, נישט אז 'ער האט'...

**רבינו:** היינט זענען אויך דא וואס זאגן אז עס האט זיך אויפגעהערט ביי זיי. עס האט זיך קיינמאל נישט אנגעהויבן...

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** מען פארציילט אז דער הייליגער **רוזינער זי"ע** האט אמאל געזעהן א רבי

וואס מען האט אים געגעבן כבוד, און ער האט געטון פארשידענע פעולות מונע צו זיין דעם כבוד, אז עס זאל נישט אריינקומען אין אים פניות. האט דער **רוזינער** געזאגט, אז נישט דאס איז דער מהלך. משל למה הדבר דומה, אז עס איז דא א מלך וואס האט פארשידענע פריצים אין אלע שטעטלעך, וואס אלע זענען זיי אונטער דעם מלך. ווען דער גרויסער מלך קומט אינעם שטעטעלע, ווייסן אלע אז דאס איז דער מלך, און אלע קומען און פאלן צום מלך. אבער ווען דער מלך קומט אין א דארף, וואס זיי כאפן אפילו נישט וואס דער מלך איז, ער איז געוואוינט צו זעהן נאר דעם פריץ, און ער גיט כבוד פארן פריץ, ווען דער פריץ זעהט אז מען גייט אים געבן כבוד ווען דער מלך איז דא, פאלט אויפן פריץ אזא פחד ואימה, ווייל ער ווייסט אז דאס גייט אים קאסטען זיין לעבן. האט דער פריץ יסורים נוראים ווען מען גיט אים כבוד, ווען עס איז לפני המלך. האט דער **רוזינער** געזאגט, אז מען שטייט פארן אייבערשטען, און מען גיט כבוד פארן צדיק, דארף מען עפעס מאכען?! מען דארף האבען יסורים נוראים!

**האדמו"ר מבורשטין:** פונעם **חפץ חיים זצ"ל** איז דא א מורא'דיגער משל, אז געווענליך ווען דער מלך פארט ארויס אין די מדינה, פארן קודם ארויס די שרים אין די שטעט ווי די מלך גייט קומען, אויסצולערנען דעם עולם ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן. אין די גרעסערע שטעט פארשטייען זיי וואס עס מיינט כבוד המלך, מען גרייט אן שיינע טויערן און שיינע זאכען. אין די קלענערע שטעטלעך פארשטייט מען אביסל וויניגער, גרייט מען נאר אן א בכבוד'דיגע אכסניא, און מען טוט זיך אן שיין. ווען מען קומט אין א פראסטן דארף, וואס מען האט נישט קיין אהנונג וואס עס מיינט דער מלך, וואס ביי יעדען וואס פארט אדורך ווארפט מען שטיינער, דארף מען אויסלערנען פשוט, ווארפטס נישט קיין שטיינער. האט דער **חפץ חיים** געזאגט, אין היינטיגען דור דארף מען נאר אויסלערנען, ווארף נישט קיין שטיינער. אונז פארשטיי מיר נישט וואס עס הייסט כבוד המלך, אבער שטיינער זאל מען נישט ווארפען.

**עובדות והנהגות מהג"מ רבי יונתן בנימין כ"ץ זצ"ל מטשענגער, והגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**

**האדמו"ר מבורשטין:** ווי אזוי איז דער טאטע אהערגעקומען קיין אמעריקא? ווער האט געשיקט פאפירן?

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער טאטע האט געהאט דא א פעטער, דעם **סערדאהעלער זיידענ'ס** א ברודער האט דא געוואוינט (**הרה"ג רבי שלמה זלמן כ"ץ זצ"ל**). ער איז געקומען אהער נאך פאר די קריג. ער איז געווען א איידעם ביי **רבי פנחס צימעטבוים זצ"ל**. דער **מנחת יצחק** איז אויך געווען דארט א איידעם, ער האט געשיקט די פאפירן.

**האדמו"ר מבורשטין:** תיכף נאך די קריג?

**גאב"ד סערדאהעלי:** נישט תיכף, מיין טאטע האט נישט געוואלט קומען אהער. ער איז געבליבן דארט אין אונגארן, נאך די קריג איז ער געווען רב אין סאמבאטהעלי דריי יאר. און צוביסלעך האט מען געזעהן אז די רוסן נעמען איבער, און ער האט געזעהן אז מען מוז אוועקפארן. ער האט געהאט צוויי אפציעס, אדער זאל ער פארן קיין ארץ ישראל, אדער קיין אמעריקא. איך ווייס נישט פארוואס ער האט אויסגעקליבען צו קומען קיין אמעריקא. איך שטעל מיך פאר, אז לכבוד דעם פעטער, איז ער געקומען אהער.

**האדמו"ר מבורשטין:** וואו האט דער פעטער געוואוינט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין די בראנקס. ער האט געהאט דארט א בית המדרש. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. ער האט מיך פארהערט אויסענווייניג, און ער האט מיך אויסגעבעסערט אויך אויסענווייניג. ער האט פלייסיג געלערנט, ער האט געהאט א געוואלדיגען קאפ.

**א' מהמנחמים:** אין וועלכע יאר איז ער אוועק?

**גאב"ד סערדאהעלי:** תשכ"ב. דער עלטער זיידע, **רבי יונתן בנימין ז"ל** (אביו של הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל), איז געווען א בעל הבית, און ער האט געשריבן חידושי תורה, ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, און נאך זיין הסתלקות האבן די קינדער זיך צוטיילט מיט די כתבים.

איין באנד איז געוועןביים זיידען, און שפעטער ביי מיין טאטען, און איין באנד האט דער פעטער רבי שלמה זלמן גענומען. ער האט געהאט א געוואלד מיט בריוון, ער האט זיך כסדר געשריבן מיטן זיידען, דער **סערדאהעלער רב**. דער **טאטע ז"ל** האט אים געבעטן אז ער זאל אים ווייזען די בריוון, ער איז שוין געווען א אלטער יוד, ולא איסתייעא מילתא. ווען ער איז אוועק, זענען געגאנגען די קינדער, און זיי האבען אויפגעזאגט די דירה, כדי מען זאל נישט דארפן צאלן ווייטער קיין רענ"ט, און זיי האבן גענומען אלע חפצים וואס זיי האבן נישט געדארפט, באקסעס מיט כתבים, און זיי האבן עס ארייגעלייגט אין א גאראדז"ש. און איין שיינעם טאג האט מען אויסגערוימט די גאראדז"ש, און מען האט גענומען די אלע באקסעס און מען האט עס ארויסגעטראגען אין גארבעדז"ש, מיט די כתבים און בריוון אינאיינעם, און עס איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט.

**רבינו** (פנה **להרה"ג רבי דוד שלמה כ"ץ שליט"א אב"ד** בית אהרן פלעטבוש): ביי ענק (אצל אביו **הגה"צ רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל**) איז אויך געווען איין באנד.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די צוואה פון **רבי יונתן בנימין** איז אויך געליגען דארט.

**האדמו"ר מבורשטין:** וואו האט דער **רבי יונתן בנימין** געוואוינט?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין טשענגער. ער איז געווען א תלמיד פון **מנוחת אשר**. דעם זיידען האט ער א נאמען געגעבן נאך זיין רבי'ן, דער **מנוחת אשר**.

**האדמו"ר מבורשטין** (בהתפעלות): א בעל הבית האט געשריבן חידושי תורה?!

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געהערט פון טאטען, און עס שטייט אויך אין די כתבים, אז ער האט יעדן ערב יום כיפור צוזאמגענומען אלע קינדער, די גאנצע הויזגעזונד, און ער האט זיי געזאגט א כל נדרי דרשה, אין שטוב. איך ווייס נישט צו נאך די סעודת המפסקת, צו אינמיטן. נאכדעם וואס ער האט געזאגט זיינע דיבורים, האט ער געזאגט פאר יעדן קינד, דו דארפסט אזוי און אזוי טון, די און די זאך דארפסטו פאררעכטען, און אזוי האט ער געזאגט פאר יעדן קינד, און אזוי אויך פאר די טעכטער, יעדעס יאר.

**האדמו"ר מבורשטין:** היינט האט מען מורא צו זאגן...

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער קינד זאגט...

**האדמו"ר מבורשטין:** ירהבו הנער בזקן. עס איז היינט ליידער דא, אז די קינדער האבן וואס צו זאגן פארן טאטען. איך האב אמאל געטייטשט די גמרא (חגיגה יד.), ולא נתקררה דעתו עד שאמר (ישעיה ג-ה) ירהבו הנער בזקן, עס וועט קומען אמאל א צייט, וואס דאס קינד וועט קענען זאגן מוסר פאר די עלטערן, איז עס א שטיקל נחמה, אפשר וועט עס העלפן.

עס האט מיר דערציילט א יוד, א משגיח אין א ישיבה, אז איינמאל אין קעמפ פארטאגס הערט ער ווי א בר מצוה יונגעל שטייט ביים טעלעפאן און ער וויינט. ער האט מורא געהאט אפשר בענקט ער צו וואס, האט ער געווארט ביז ער האט געענדיגט, און ער שטעלט זיך דארט צו, און הערט אויס ווי דאס קינד בעהט זיך ביים טאטען, אז ער זאל אוועקווארפען די טעלעפאן... ער האט גערעדט פארטאגס כדי מען זאל נישט הערן.

**חתנו הרה"ג רבי זיידא אייכנשטיין שליט"א דומ"ץ בורשטין:** דער זיידע, דער **סאמבאטהעלער רב** פלעגט זאגן מוסר פאר די קינדער? דער שווער פלעגט זאגן, אז ער פלעגט פארלערנען עפעס.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער פלעגט פארלערנען **של"ה הק'** פאר די שבת'דיגע סעודה.

**אב"ד טאשנאד:** איך מיין אז ווען מען האט אראפגעלייגט זיין **ראשית חכמה** אויפן טיש, האט מען נישט געדארפט מער זאגן מוסר, ווייל מען האט געזעהן ווי אזוי זיין **ראשית חכמה** האט אויסגעזעהן ביי די זיבעציג יאר. עס איז געווען אדורכגעווייקט, א אלטע **ראשית חכמה**. איך בין אמאל אריין צו אים אינדערפרי נאכן דאווענען, ער איז געזעסן מיטן טלית, מיט די תפלין געדענק איך שוין נישט, און געהארעוועט אינעם **ראשית חכמה**. עס איז שוין אריבער צענדליגע יארן, און עס ליגט מיר נאך אין די ביינער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די גרעסטע מוסר איז די אייגענע הנהגה.

## אודות הגה"ק משאמלויא זצ"ל

**אב"ד קראסנא:** דער **קראסנער רב זצ"ל** האט זיך אויסגעלערנט דרשנ'ען פונעם שווער, דער **שאמלויער רב זצ"ל**. זיין פאטער, **רבי ברוך בענדיט זצ"ל**, איז געווען א כבד פה, ער האט געשטאלפערט, מען האט אים שווער געקענט פארשטיין. די יודען אין בית המדרש אינדערהיים אין קראסנא האבן זיך באקלאגט, אז ער וויינט, און זיי פארשטייען נישט וואס ער זאגט. ער איז געווען א גרויסער בעל בכי. האט ער געזאגט, וועגען דעם וויין איך, ווייל עסץ פארשטייטסט נישט וואס איך רעדט צו ענק...

**אב"ד טאשנאד:** עס איז א חידוש, דער **שאמלויער רב** אין **לחם שלמה**, און אינעם **טיול בפרדס**, זענען עפעס צוויי בעלי מחברים. עס איז נישט דער זעלבער מהלך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דאס איז דרשות וואס ער האט געזאגט, ער האט עס אראפגעשריבן אזוי ווי ער האט עס געזאגט.

**א' מהנוכחים:** די **אבן שלמה** מיט די דרשות איז אויך אנדערש.

**אב"ד טאשנאד:** זעהט אויס אז די בעלי בתים זענען נישט געווען אלע בני עליה, און מען האט געדארפט צו רעדן פשוט'ערע זאכן אויך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין אלע קהלות זענען געווען פשוטע בעלי בתים.

**א' מהנוכחים:** די **כתב סופר** על התורה איז אויך מער פשוטע דברי תורה.

**אב"ד טאשנאד:** דאס האט ער געזאגט פאר די בחורים וואס האבן געגעסן טעג, אז זיי זאלן עס זאגן פאר די בעלי בתים.

**א' מהנוכחים:** איך האב געקענט א יוד וואס איז געווען א שאמלויער תלמיד, ר' מרדכי שמואל באש. ווען ער האט גערעדט פונעם **שאמלויער רב** האט זיך געגאסען די טרערן ווי א קוואל.

**אב"ד טאשנאד:** זיי האבען געלערנט ביי א רבי'ן פינף אדער צעהן יאר, נישט א זמן אדער א האלבע זמן. זיי זענען געווארן מקושר איינער מיטן אנדערן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אוודאי, זיי האבן באקומען א דרך התורה פון זייער רבי, און א וועג ווי אזוי זיך צו פירן.

## בענין התעוררות מעבודת הצדיקים ואודות הגה"צ מקראסנא זצ"ל

**האדמו"ר מפאפא:** איך האב געטראכט א רמז, בהעלותך את הנרות (במדבר ח-ב), די **חידושי הרי"ם** זאגט אז עס רומז, אז די מנורה איז נגנז געווארן ברענעדיגערהייט. קען זיין אז עס איז רומז אז עס איז פארהאן אמאל, אז א יוד קען נישט טון א מצוה, אבער אינעווייניג ברענט די השתוקקות, דער **רבי ר' הערש פון רימנוב זי"ע** זאגט דאך, אכבס בו לבי כבורית (בזמירות לשבת, בפיוט כי אשמרה), וואס איז דער כ'בורית. אז ווען איין יוד האט א התעוררות, זאל ער מעורר זיין דעם צווייטען יוד אויך[א]. דאס וואס ברענט אינעווייניג ביי א יוד, איז א צווייטער יוד אויך מרגיש. איז ממילא אפילו אין די לעצטע יארן, וואס ער איז נעבעך געווען אין אזא מין בחינה, אבער אינעווייניג האט ער געקאכט צו דינען דעם אייבערשטען. די עבודה פון השתוקקות קען נאך זיין ביים אייבערשטען אסאך מער חשוב ווי דער מצוה אליין. דאס איז פשט פון חשב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (ברכות ו.), ער האט א השתקקות מקיים צו זיין א מצוה, און ער איז זיך מצער אז ער קען עס נישט טון בפועל, איז חשוב ביים אייבערשטען דאס וואס דאס הארץ פון א יוד ברענט פארן אייבערשטען, כאילו ער האט מקיים געווען די מצוה אליין. און עס איז נישט נאר פאר אים, נאר אנדערע יודען ווערן אויך נתעורר.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** יעדע מצוה וואס דער טאטע ז"ל האט געטון, איז עס נישט סתם געווען געטון, נאר ער האט געלעבט אין דעם, עס האט געקאכט אין אים.

---

[א] עיין **בדברי יחזקאל** (פרשת דברים) וזה לשונו: שמעתי ממורי **הרה"ק מוהר"ר צבי הכהן זלה"ה מרימנוב**, שאמר בזמירות של שבת, בפירוש על כן אכבס בו לבי כבורית, דלכאורה היה צריך לומר בבורית בבי"ת, כי הבורית הוא המפעיל לנקות ולטהר מכל חלודה וכתמים. אך הפירוש הוא כך, שישראל צריך כל כך לכבס לבו ולטהר אותו ביום שבת קודש, שיהיה בו פעולת הבורית, שיוכל לכבס אחרים לטהר לבם לעבודתו ית"ש.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **רבי ר' אלימלך** שרייבט אין **נועם אלימלך** (פ' מצורע) לעולם ילמוד אדם אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:), ווען ער לערנט תורה שלא לשמה, האט ער טאקע געלערנט תורה, די מעשה המצוה האט ער מקיים געווען, אבער די מחשבה איז נישט ווי עס דארף צו זיין, עס איז געווען שלא לשמה. וואס טוט דער אייבערשטער, ער נעמט די מחשבה פונעם צדיק, און ער שטעלט עס צו צו די מעשה, כדי עס זאל ווערן א שלימות'דיגע מצוה. לעולם ילמוד אדם תורה אפילו שלא לשמה, לערן תורה, טוה די מצוה, שמתוך שלא לשמה, 'בא', ברענגט דער אייבערשטער די מצוה, לשמה, צו דעם צדיק וואס לערנט תורה לשמה, און מיט דעם ווערט נשלם די מצוה.

נו, ווי אזוי קען מען משלים זיין, דער צדיק דארף דאך עס האבן פאר זיינע מצוות ומעשים טובים אויך. אבער אמאל איז דא א צדיק וואס קען נישט טון קיין מצות ומעשים טובים, און דאס טויג אויך נישט, ווייל דער אייבערשטער דארף האבן די מעשה המצוה אויך. עס איז דא א מחשבה אליין, און עס איז דא פון טויזנטער יודען נאר א מעשה אליין. נעמט דער אייבערשטער די אלע מחשבות פונעם צדיק, און ער פילט אן די אלע מעשים, און עס ווערט דורך דעם נשלם טויזנטער מצוות וואס האבן געהאט א עילוי דורך די מחשבה פון א צדיק, קען ער נתעלה ווערן. מצוה דלאו איהו בדחילו ורחימו לא פרחית לעילא (תיקוני זוהר תיקון י' כה:).

**אב"ד טאשנאד:** דער **רבי ר' זושא** זאגט, ישראל קדושים הן, יש רוצה ואין לו, ויש שיש לו ואינו רוצה (חולין ז:). אז דער אייבערשטער שטעלט צוזאם די מעשה מיט די מחשבה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער רעדט פון צדקה, דער וואס האט נישט, און ער וויל געבן צדקה, אבער די זעלבע איז ביי אלע מצוות. עס ווערט באשאפן א גאנצער מלאך פון די צוויי חלקים.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז דער אייבערשטער האט מיר כמה פעמים ארויסגענומען פון די הענט פונעם מלאך המות, כדי איך זאל עפעס טון פאר אים. ווען מען האט אים געבעטן אז ער זאל רעדן, האט ער אייביג פראבירט נישט אפצוזאגן. ער האט געזאגט, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס איך קען צוריק טון פארן באשעפער. פארדעם האט ער מיך דא געלאזט, כדי איך זאל קענען מעורר זיין יודען. דאס איז געווען זיין שאיפה אין לעבן, אז ער זאל קענען משפיע זיין פאר אנדערע.

**אב"ד קראסנא:** מיין זיידע דער **קראסנא רב זצ"ל** האט געשריבן אין א בריוו פון די שטאט קראסנא, אים שעם זיך אז איך בין דא. פון אלע געשוויסטער בין איך געבליבן, איך בין נישט געווען א כשר'ער קרבן פארן אייבערשטען. אבער אז איך בין שוין יא געבליבן, וכל החיים יודוך סלה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב עס געהערט פון אים אליין, ער האט עס געזאגט ביי א יארצייט סעודה. איך בין נישט געווען ראוי, איך בין געווען דער שוואכסטער פון אלע מיינע ברודערס, אזוי האט ער געזאגט. ליידער די אלע זענען געווען ראוי אז זיי זאלן זיין א קרבן פרן אייבערשטען. ער האט עס געזאגט מיט גרויסע בכיות. איך בין געבליבן, איך בין נישט געווען ראוי אז איך זאל זיין א קרבן פארן אייבערשטען.

**אב"ד קראסנא:** די ערשטע תורה וואס ער האט געזאגט ביים באפרייען, האט ער געזאגט, יסור יסרני י-ה, אבער ולמות לא נתנני (תהלים קיח-יח), פארוואס האסטו מיך נישט מיטגענומען מיט מיינע עלטערן.

די שידוך וואס איז געווארן מיטן **שאמלויער רב** (**הגה"צ רבי הלל ליכטענשטיין זצ"ל** אב"ד קראסנא היה חתנו של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל בזיוו"ר**), איז געווארן, ווען זיין טאטע האט אים געשיקט זיך פארהערן ביים **שאמלויא'ער רב**, האט ער אים אין א ענוועלאפ אריינגעלייגט די התרת הוראה, מיט נאך א צעטל, און ער האט אים געזאגט, טוה מיר א טובה, געב איבער דעם בריוו פאר דיין טאטע. ווען ער האט עס געעפענט, איז געשטאנען דארט, איך בעהט דיך, איך האב א געראטענע טאכטער, איך וויל זיך משדך זיין מיט דיר.

זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, ער איז געווען די יונגסטע זון. ער האט געוואלט פארען וואוינען אויף ארץ ישראל, און דער אלטער **קראסנא רב** האט אים נישט געלאזט

אוועקפארען. ער האט אים גענומען פארן יונגער רב דעמאלטס. דער עלטסטער איז געווען **רבי שמעון ליכטענשטיין**, דער **שמן למאור**. עס איז דא א בריוו אין **אגרות לחם שלמה** וואס ער האט געשיקט קיין ארץ ישראל (להסבא קדישא **רבי שלמה אליעזר אלפנדרי זצ"ל**), אז מען זאל אינזין האבן זיין איידעם, הלל בן לאה לזרע של קיימא.

**רבינו** (פנה להאדמו"ר מפאפא): דער טאטע (בעל **ויחי יוסף מפאפא זצ"ל**) האט אויך געהאט הוראה פונעם **שאמלויא'ער רב**. אונז ביידע האב מיר באקומען די הוראה פונעם **פאפא רב**.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב אויך באקומען פונעם **קראסנא רב**.

## עובדות מהגה"ק בעל ערוגת הבשם זצ"ל

**האדמו"ר מפאפא:** ווען דער **אמרי יוסף** איז נסתלק געווארן, איז דער **ערוגת הבושם** אנגעקומען צו די לויה ממש פאר סתימת הגולל, דער **צעהלימער רב** האט דאס עטליכע מאל פארציילט, און מען האט אים מכבד געווען צו רעדן, האט ער געזאגט בתוך הדברים, אז ווען דער **ספינקער רבי** האט געלייגט תפלין, האט מען געקענט שפירן די קדושה פערציג מייל. מען האט אים געפרעגט שפעטער, דער רבי איז דאך א איש אמת, צו זאגן אזעלכע ווערטער. האט ער געזאגט, איך האב טאקע צו ווייניג געזאגט. - צדיקים האבן מרגיש געווען, והריחו ביראת ה' (ישעיה יא-ג).

**רבינו:** איך האב געהערט דערציילן די זעלבע ווארט, אז עס איז געווען איינע פון די נאנטע וואס האט נאכדעם געזאגט פארן **ערוגת הבושם**, מען ווייסט אז דער רבי רעדט ווייניג, און דער רבי האט אזוי ברייט גערעדט יעצט. האט ער געזאגט, איך האב טאקע ווייניג גערעדט...

**האדמו"ר מפאפא:** דער **סעבענער רב** (הגה"צ רבי צבי קינסליכער זצ"ל) איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, ער איז נאך געווען א תלמיד אין טשארנא, און ער האט דערציילט, אז דער **ערוגת הבשם** איז אריינגעקומען אמאל פארטאגס, און ער האט געטראפן א קבוצה וואס האט געשמועסט, און עס איז אים נישט געפאלען, איז ער צוגעגאנגען צו זיי, און ער האט זיי געזאגט, קומטס אריין איך וועל ענק בארגען ירושלמי'ס. האט מען אים געפרעגט וואס ער מיינט. האט ער געזאגט, אז איך זעה עטץ האטס צייט צו שמועסן, נו, קען איך ענק בארגען ירושלמי'ס.

**רבינו:** עס איז דא ביי אונז א בריוו פונעם **סעבענער רב**, וואס ער האט געשריבן פארן **ערוגת הבשם**. ער איז אוועק פון דארט לערנען קיין פרעשבורג, און ער האט זיך נישט געזעגנט פונעם רבי'ן, ווייל ער האט געוואוסט אז דער רבי לאזט נישט פארן אויף פרעשבורג לערנען. שרייבט ער אים א בריוו מפייס צו זיין פארוואס ער האט זיך נישט געזעגנט. און ער שרייבט אים זעקס בלעטער דברי תורה (עיין **בתולדות ערוגת הבשם** החדש דף רמה).

## אודות הג"מ רבי שלמה זלמן כ"ץ זצ"ל רב בבראנקס (אחיו של הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל)

**הרב יונה לאנדא:** איך געדענק נאך דעם נפטר פון אלץ יונגעל. דעם רב געדענק איך גוט, נאך פון בעדפארד עוו. (בת"ת סאטמאר). איך האב געהערט אסאך שמועסן וואס דער רבי (**הרה"ק מסאטמאר זצ"ל**) האט גערעדט מיטן טאטן זצ"ל, ער האט געהאט לאנגע שמועסן, ער האט אסאך געשמועסט מיט אים (בסעודות ברית מילה בבית מדרשו).

**רבינו:** עס איז געווען דעמאלטס מיטאג, האט מען געקענט אראפגיין און מיטהאלטען.

**הרב יונה לאנדא:** דעם **פאפא רב זצ"ל** געדענק איך אויך, אבער ער האט ווייניג גערעדט. דער **סאמבאטהעלער רב** פלעגט אסאך קומען דארט, ער האט געהאט אסאך ברית'ן.

איך האב געהאט א שכן, ער האט געהייסען ראזמאן, וואס איז געווען א תלמיד פונעם **אונסדארפער רב זצ"ל**, האט ער מיר געזאגט אז דער בעסטער בחור אין אונסדארף איז געווען **רבי שלמה זלמן כ"ץ** (אחיו של **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל**), ער איז נעבעך דא אנגעקומען קיין אמעריקא, און ער האט נישט געהאט קיין מזל. ער האט זיך געמוטשעט מיט די קינדער.

אין **תולדות אנשי שם** ברענגט ער, אז ער איז אנגעקומען תרצ"ח קיין אמעריקא, ער איז געווען רב אין די קוטנא'ס שול. זיין זון האט מיר געזאגט, אז ווען דער **מנחת יצחק** איז דא געווען און ער האט אים געזאגט ווער ער איז, האט ער אים ארומגענומען און געקושט מיט אזא שמחה.

**רבינו:** ער איז געווען א איידעם ביי **רבי פנחס צימעטבוים זצ"ל** (ראב"ד גראסווארדיין, והיה גיסו של **המנחת יצחק זצ"ל**). ער איז געווען דער עלטסטער איידעם.

**הרב יונה לאנדא:** ער ליגט אין וועלוואו"ד סעמעטערי, זיין יארצייט איז אסרו חג שבועות.

**רבינו:** איך בין געווען אויף די לויה.

**הרב יונה לאנדא: רבי אליעזר עהרענרייך זצ"ל** האט מיר פארציילט, אז ער איז אמאל געפארן אויף די סאבוועי, איז געזעסן נעבן אים א אמעריקאנער יוד, און ער זאגט אים, איך האב געהאט צוויי גרויסע פעטערס אין אייראפע, דער **שאמלויער רב** און דער **מאדער רב**. זאגט ער אים, זענט איר דאך מיין קאזין. ער איז געווען פון **רבי יעקב עהרענרייך'ס** אייניקלעך.

**רבינו:** מיין טאטע פלעגט צו זאגן, אז דער **רבי שלמה זלמן** פלעגט צו שיקן יעדע וואך א ענוועלאפ מיט פינף דאלער, פאר די ישיבה און פאר אלעם, און מען האט געקענט פון דעם לעבן א גאנצען חודש.

**הרב יונה לאנדא:** דער טאטע פלעגט פארן אים באזוכן? ער איז געווען א פעטער.

**רבינו:** ער פלעגט אויך קומען צו אונז אין שטוב. ער האט געהאט א זון בנציון וואס איז געווען א געוואלדיגער עילוי, ער איז געווען א חברותא מיט **רבי משה ביק זצ"ל**.

**גאב"ד סערדאהעלי:** זיין רעבעצין איז געווען א טאכטער פון **רבי פנחס צימעטבוים זצ"ל** און זי איז צוריקגעפארן קיין יוראפ באזוכן די עלטערן אלץ כיבוד אב ואם. און פונקט ווען זי איז דארט געווען, האט אויסגעבראכן די קריג, און זי איז געבליבן דארט. ווען מען האט צענזורירט דעם עולם האט זי געוויזען אז זי האט א אמעריקאנער פאספארט, איז געגאנגען דער רשע און ער האט גענומען דעם פאספארט, און ער האט עס צוריסען אויפן פלאץ, און ער האט געזאגט, גיי צוזאמען מיט אלע. זי איז אויך אוועק ח' סיון, דעם זעלבן טאג פונעם מאן. ער איז אוועק צוואנציג יאר שפעטער.

**הרב יונה לאנדא:** איך מיין אז ער איז געווען יונגער פונעם **סערדאהעלער רב**.

**רבינו:** נאך וועם האט ער געהייסען שלמה זלמן?

**גאב"ד סערדאהעלי:** איינער פון די משפחה פון **רבי יונתן בנימין ז"ל** (שם חותנו **מו"ה שלמה זלמן בערגער ז"ל** מעיר טשענגער).

---

## זכרונות משנות המלחמה

---

**רבינו:** איר זענט געווען צוזאמען מיטן **שאמלויא'ער רב** אין געטא.

**הר"ר מאיר טויבער:** יא. איך ווייס נישט צו עטץ וועטס גלייבן צו נישט, אבער מעשה שהיה כך היה. עס איז געווען א סעלעקציע פון צענדליגער טויזנטער יודען, און אין אונזער בלאק, די קינדער בלאק, איז געווען נאר קינדער, און זיי האבן געמאכט א פארטי' פאר די קינדער, מיר זענען געשטאנען דער גאנצער עולם אפאר הונדערט קינדער, און אויף איינמאל קומט אריין א אלטער יוד, מיין זיידע, און ער כאפט אן מיך מיט מיין ברודער, און ער האט אונז ארויסגעפירט צוריק אינעם ליידיגן בלאק. מיר זענען געווען גרייט צו גיין צו די קרעמיטאריעם. מעשה שהיה כך היה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** וואס האט עטץ געטון דארט אליין צוויי קינדער.

**הר"ר מאיר טויבער:** נאך אפאר שעה האבן זיי געברענגט דארט נאך קינדער. דער גואל צדק מעג שוין קומען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איינער פון די צדיקים האט געזאגט, אז דער וואס איז אדורכגעגאנגען די קריג, און ער איז געבליבן א מאמין אינעם אייבערשטען, עפענט מען פאר אים אויף אלע גן עדן טירן.

**א' מהנוכחים:** די וועלט זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**, אז דער וואס האט א נומבער קען מען זיך ביי אים מזכיר זיין.

**גאב"ד סערדאהעלי:** נישט דער נאמבער איז קובע, נאר יעדער יוד וואס איז דארט אדורכגעגאנגען, און ער איז געבליבן ערליך.

**הרב מיכאל דוב נייהויז:** מיין טאטע איז געווען דארט, און ער האט נישט געהאט קיין נומבער.

**א' מהנוכחים:** עס איז געווען א יחוס צו באקומען א נאמבער, ווייל דאס האט געמיינט אז מען איז א תושב דארט, און מען קען בלייבן לעבן.

**הר"ר מאיר טויבער:** די לעצטע מינוט בין איך געווארן געווארן אז עס איז בעסער אז מען האט א נאמבער, איך בין געווען נאנט צו מיין בלאק עלטסטער, האב איך געבעטן אז ער זאל געבן א נאמבער פאר מיר און מיין ברודער. עס איז געווען דארט טויזנטער קינדער, און ער האט געגעבן נאר פאר אונז צוויי.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס זענען געווען יודען ווי רבי מאיר, וואס האבען געזען נסים וואס מען האט געקענט אנטאפן, אנדערע יודען זענען געווארן נעבעך אפיקורסים.ביידע האבן געזען די זעלבע, און דער האט אזוי געזעהן, און דער האט אזוי געזען, יעדער האט געזעהן וואס ער האט געוואלט. כאשר שמענו כן ראינו.

## בענין תפלה בקברי צדיקים

**א' מהנוכחים:** איך געדענק ווען דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** איז געווען שבועות (שנת תשי"ד) ביים **בעלזער רב זצ"ל**. און מוצאי דעם צווייטען טאג האט ער זיך געזעגנט אז ער פארט אויף מקומות הק', האט דער **רב ז"ל** געהייסען אז ער זאל זיך זעצן, און ער האט אים געזאגט, אז ער זאל זיך אינזין האבן, און ער זאל אים אינזין האבן, און ער זאל אינזין האבן דעם כלל ישראל. און דער **רב ז"ל** האט געזאגט זיין נאמען. דער רב'ס מאמע האט געהייסען רחמה, און דער **רב ז"ל** האט געזאגט, נישט נחמה, נאר רחמה[ב].

**הרה"ג רבי חיים יהודה דייטש שליט"א אב"ד חוג חת"ס פ"ת:** דער פעטער (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט מיר געזאגט, אז דער **רב ז"ל** האט אמאל געזאגט, אז מען זאל מתפלל זיין אויף לשון הקודש.

**רבינו:** דאס איז א אנדערע מעשה, ווען דער **סערדאהעלער** זיידע איז געווען ביים פריערדיגן **בעלזער רב זי"ע**[ג].

**הרה"ג רבי יהושע:** דער **מאקאווער רב פון ארץ ישראל** האט מיר אמאל פארציילט, אז ער האט אמאל געזאגט פארן זיידען (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל), אויף דעם וואס ער שרייבט אין די הקדמה פון **שו"ת ולאשר אמר**, אז אזוי שטייט פונעם **רדב"ז**, אז אויף יענער וועלט געדענקט מען נאר לשון הקודש. און דער זיידע האט הנאה געהאט, און ער האט געזאגט, אז ער וועט עס צושרייבן פאר זיך, אז ער זאל עס געדענקען. און איך האב אים געפרעגט, ווי דער רדב"ז איז. און ער האט נישט געדענק

---

[ב] מתוך כתבי **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** וז"ל: בשנת תשי"ד זכיתי לקבל פני שכינה **כ"ק אדמו"ר הק' מבעלזא זי"ע**, ואחר כך כשרציתי ליסע על מקומות וקברים הק' בצפת וטבריה ומירון לקחתי ממנו רשות ליסע, וביקש אותי בענותנותו שאתפלל גם עליו. ואמר לי, שמקודם צריך להתפלל על עצמו, ואחר כך על ב"ב, ואחר כך אתפלל עליו, והזכיר לי שם קדשו להזכיר אותו. ומצאתי כתוב כן **בזוהר הק'** (ח"א צד.) וזה לשונו, תנינן, בקדמיתא לבעי בר נש עליה, ולבתר על אחרא, דכתיב (ויקרא טז-יז) וכפר בעדו בקדמיתא, ולבתר בעד כל קהל ישראל.

[ג] בהקדמת **שו"ת ולאשר אמר** (דף ח) כתב **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** וזה לשונו: כדאי להזכיר כאן מה שאירע פעם אחת בימי רבנותו בק"ק ניר מעדיעש, כי היה שם בית החיים ישן מאוד, ונתרועע הגדר שסביבו, ועלה בהוצאות גדולות לעשות גדר חדש. ויען שבבית הקברות בפנים היו הרבה אילנות גדולות, חשבו שיקצצו את האילנות, ויעשו מעצים הללו גדר. ועלה ספק בלבבם האם מותר לעשות זאת, ובפרט שיש גם חשש שיפחדו המתים מקול הקציצה והעבודה, ויהיה אצלם חרדת הדין המבואר בפוסקים. ושאל **כ"ק אאמו"ר זצ"ל** את דעת קדשו של מרן **הגה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע** בזה, והשיב שמותר לעשות זאת לצורך הנ"ל, אך קודם העבודה יבקשו מחילה מהמתים, ויאמרו שרוצים לקצוץ את האילנות לטובתם, לעשות גדר סביב הבית החיים. ויאמרו זאת בלשון יודיש, ואחר כך יאמרו עוד הפעם בלשון הקודש, כי יש קבלה בידו מאבותיו, כי נשמות שהם מזמן רב בעולם העליון, הם שוכחים את לשון יודיש הנהוג לדבר בעולם הזה, ואינם מבינים רק בלשון הקודש. – ולכאורה אפשר ללמוד מזה, שכשהולכים להתפלל אצל קברים של אותן שנסתלקו מן העולם מזמן רב מקודם, טוב להזכיר הבקשה גם בלשון הקודש וד"ל עכ"ל.

פונקטליך וואו ער שרייבט עס. שפעטער האב איך געזעהן אין די כתבים פון **רבי משה לייב זצ"ל** (בעל ויגד משה) ברענגט ער אראפ די גאנצע מעשה פונעם **בעלזער רב** מיט מער פרטים, און ער צייכענט אליין צו דעם **רדב"ז** אין ספר **טעמי המצות** (מצוה קל).

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס קען זיין, עס איז ניתן להאמר, אז די צדיקים פארגעסן נישט. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז א צדיק וואס איז למעלה מכוחות הגוף, איז אויף יענע וועלט האבן זיי נאך א שייכות מיט די וועלט, פארגעסט ער נישט יודיש. נאר א פשוטער יוד, ער פארגעסט אויף יענער וועלט די שפראך פון יודיש.

## בעניני מוהלות ועוד

**אב"ד טערצאל:** דער **מעשי למלך** איז סוף ימיו געווען חלוש בזכרונו, און דער **מהרש"ג** איז אים געווען באזוכען, האט דער **מהרש"ג** געזאגט, איך וואלט אויך געוואלט זוכה זיין אויף אריכת ימים, אבער נישט אזוי...

**רבינו:** אמאל אין אזא מצב האט מען זיך נישט געקענט האלטען מער ווי א פאר וואכען אדער אפאר חדשים. היינט קען מען יארן אזוי אפלעבן.

**אב"ד טערצאל:** וואס עס הייסט לעבן ביים אייבערשטען, איז א אנדערע זאך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ווי אלט איז דער **מעשי למלך** געווען?

**אב"ד טערצאל:** דריי און זיבעציג. ער איז געבוירן תרי"ז און ער איז נפטר געווארן תר"צ.

**רבינו:** איך דערמאן זיך, אז ווען איך האב ארויסגעגעבן דעם **נחל הברית** אויף הלכות מילה, בין איך געגאנגען בעטן א הסכמה פונעם שווער, דער **פאפא רב זצ"ל**. האט ער מיר געזאגט, איך האב א פעטער דא אין די שטאט, דער **צעהלימער רב**, וואס איז א מוהל, עס פאסט מיר נישט צו געבן א הסכמה ביז איך בעהט נישט קודם א הסכמה פונעם **צעהלימער רב**. בין איך אריבער צום **צעהלימער רב**, און ער האט מיר געשריבן א הסכמה, און נאכדעם האט דער **פאפא רב** געגעבן א הסכמה.

**אב"ד טערצאל:** מען זאגט א הלצה, ווען ער איז געווען אויף דער עלטער, האט ער שוין נישט געקענט מל'ן, איז ער געווען סנדק. האט ער געזאגט, איך בין געווארן א סנדק מומחה.

**גאב"ד צעהלים:** מען זאגט נאך אויפן **ריסקעווער רב זצ"ל**, אז סוף ימיו האט ער שוין נישט גע'מל'ט, און ער האט נישט געלאזט וואקסען די נעגל, ווייל ער האט שוין נישט געדארפט די נעגל צו מל'ן. איז דער **ערוגת הבשם זצ"ל** געקומען צו אים אין חלום, אז עס איז א טובה, אז מען זאל זיך ווייטער לאזן וואקסען די נעגל.

**רבינו:** עס איז שוין נישט די זעלבע נעגל...

**גאב"ד צעהלים:** רישומו ניכר.

**רבינו:** איך מיין אז ווען מען האט געפרעגט דעם שווער, דער **פאפא רב זצ"ל**, צו ער וויל ענדערש סנדקאות אדער מוהלות, האט ער געזאגט, אז ער וויל ענדערש זיין מוהל.

**אב"ד טערצאל:** יא, עס איז אינטערעסאנט, די אלע רבי'ס האבן געוואלט מער סנדקאות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** זיי האבן נישט געקענט קיין מוהלות, וואס זאל ער טון. כלפי אויפרופן צו די תורה, איז א סנדק פאר א מוהל, עס איז א חידוש.

**גאב"ד צעהלים:** דער **מהר"ם שיק זצ"ל** פלעגט זאגן, חבל על דאבדין ולא משתכחין (סנהדרין קיא.), ער האט גערעדט דייטשי"ש, חבל 'על', די בני עליה, דאבדין, 'ולא', און די ניקסע"ן, משתכחין, זיי זענען דא. עס גייען אוועק אזעלכע, ער האט אסאך אויפגעטון.

## בענין מדת השמחה ועובדות מהגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל

**הגה"צ רבי אהרן קאהן שליט"א אב"ד דברי אמונה:** אין די יונגע יארן פלעגט ער זיך אסאך אינטערזינגען ניגונים פון חיזוק, בך ה' חסיתי. ער האט אסאך מיטגעמאכט נאך אין ירושלים, און ער האט זיך אלס מחזק געווען מיט שמחה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער פלעגט אסאך מאל צו זינגען אך לאלקים דומו נפשי, כי ממנו תקותי.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** פאר ער פלעגט ארויסגייין צו מצוה טאנץ, איז דאס געווען זיין ניגון.

**אב"ד דברי אמונה:** איך בין געווען מיט אים אסאך אין ארץ ישראל, און אין שווייץ, ער אז אייביג געווען פריילך. שמחתי ושימחתי אחרים, ער איז געווען פריילך, און ער האט געמאכט

פרייליך אנדערע. אז עס איז עשיתי ככל אשר צויתני, איז שמחתי ושימחתי אחרים. ער האט אסאך מחיה געווען דעם טאטן ז"ל, די אהבה און דאס התקשרות וואס איז געווען, מען קען עס אפילו נישט ארויסברענגען, ער האט אים צוגעהאלפן אין אלע ענינים.

**רבינו:** איך האב געהערט **פונעם טאטן ז"ל** אז מען זאגט נאך פון **רבי אהרן קארלינער זי"ע** אז שמחה איז נישט קיין מצוה פאר זיך, אבער צו וואס שמחה קען צוברענגען, קען א אנדערע מצוה נישט צוברענגען. עשיתי ככל אשר צויתנו, דורכדעם וואס עס איז געווען שמחתי ושימחתי אחרים, ברענגט עס צו, צו עשיתי ככל אשר צויתנו.

דער פסוק שטייט ביי מתנות כהונה, ווען א מענטש גיט אוועק מתנות כהונה, איז דא אמאל וואס ער פריידט זיך נישט, ער גיט דאך אוועק פון זיינס, פעלט אין יענעמס שמחה אויך, ער קען עס נישט מקבל זיין ווי עס דארף צו זיין. אבער אז א מענטש גיט עס אוועק בשמחה, איז ער משמח דעם אנדערן אויך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ברכת ה' היא תעשיר, ולא תוסיף עצב עמה (משלי י-כב), אלע הבלי עולם הזה ברענגען נישט קיין שמחה, ווייל יש לו מנה רוצה מאתים (קה"ר א-לד), אבער ברכת ה' היא תעשיר, ולא תוסיף עצב עמה. אז עס איז ברכת ה', איז ער פרייליך, דער אייבערשטער האט מזכה געווען די כהנים מיט ביכורים, און אנדערע מתנות כהונה, עס איז שמחתי, סיי דעם יוד, ווייל פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), און עס איז ושימחתי, ולא תוסיף עצב עמה.

אין סוף ספר **ישמח ישראל** טייטשט ער, אז תלמידי חכמים האבן געמאכט א מצוה פון אבילות, ווייל אז נישט וואלט מען עס נישט געקענט אויסהאלטן, פון גרויס צער. אבער אז עס איז א מצוה, איז דאך פיקודי ה' ישרים משמחי לב, איז חדוה תקיעא בליבי מסטרא דא, קומט אריין אביסל פון די זייט, א שטיקל שמחה פון די מצוה, ממילא קען מען עס דערהייבן. - עשיתי ככל אשר צויתנו, פון דעם אליין באקומט מען א שמחה.

**אב"ד דברי אמונה:** ווען ער איז נישט געווען געזונט דאס ערשטע מאל, האט דער טאטע ז"ל איינגעריסען מיט תפלות, מען קען דאס גארנישט זאגן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט טאקע געפועל'ט א ישועה.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** ער האט אים צוגעזאגט אז ער וועט קענען חתונה מאכן אלע קינדער.

**אב"ד חרדים:** פאר ער איז ארויס צו די חופה פונעם יונגסטן קינד, האט ער געזאגט, ווער ווייסט וואס עס וועט יעצט זיין, ביז יעצט האב איך געהאט א הבטחה.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** פון דעמאלטס טאקע האט זיך אנגעהויבן דער מצב פון די לעצטע תקופה.

**רבינו:** ער האט מיר דעמאלטס געזאגט, אז ווען ער האט געענדיגט די טריטמענט"ס, האט אים דער דאקטער געזאגט, אז ער מיינט אז מען זאל נעמען רעדיעשא"ן אויך. און מען האט מורא געהאט, אז עס וועט אפשר צורירן צו די שטים בענדער, און מען האט שוקל געווען אזוי צו אזוי. האט ער אנגעפרעגט דעם טאטן (הגה"ק מתו"א זצ"ל) וואס ער זאל טון. האט ער אים געענטפערט, ער זאל עס נישט נעמען, ווייל עפעס דארף מען איבערלאזן פארן אייבערשטען אויך, מען זאל האבן בטחון אז דער באשעפער וועט העלפן. ער האט אים נישט געלאזט נעמען די לעצטע זאך, כדי ער זאל זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען. - מען דארף זיין אין די מדריגה, עס איז נישט א מעשה פאר יעדן נאכצוטון.

**א' מהמנחמים:** עס איז געווען א יוד, וואס זיין ווייב האט געליטן אויף די הארץ אפאר יאר, און דער **תולדות אהרן רבי** האט איר אנגעוואונטשען, אז ווילאנג ער לעבט, איז מובטח לה. אזוי ווי דער רבי איז אוועק, האט זי געוויינט שעות ארוכות, יענע וואך איז זי אוועק.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין **זוהר הק'** (ח"ג עא:) שטייט, אז א צדיק קען נאך מער טון נאכן הסתלקות ווי ווען ער האט נאך געלעבט, יתיר מבחיוהי (ועיין עוד **באגרת הקודש להתניא** פרק כ"ז).

**רבינו:** דער **רמב"ן** (פ' ויחי מז-יח) ברענגט צו די מחלוקת אין מדרש (ספרי עקב לח), צו עס איז די כבוד פון א צדיק, אז ווען ער שטארבט, הערט זיך אויף זיין ברכה, צו עס זאל נמשך ווערן די

ברכה. עס איז א מחלוקת צו ווען יעקב איז געשטארבען צו עס האט זיך אויפגעהערט די רעב, צו ווייזען די כבוד פונעם צדיק, אז עס איז נאר ווילאנג ער לעבט.

מען זעהט אז אין מדבר איז געווען די ענני הכבוד וואס האט זיך אויפגעהערט ווען אהרן הכהן איז נסתלק געווארן, און עס איז צוריקגעקומען. ביי מרים האט זיך אויפגעהערט די באר, און עס איז צוריקגעקומען. פארוואס האט עס געדארפט נסתלק ווערן. שטייט אין **מהרש"א** (תענית ט.) אז דער אייבערשטער וויל ווייזען אז עס איז געווען אין זכות פונעם צדיק, האט זיך עס אויפגעהערט. און נאכדעם איז עס צוריקגעקומען אין א צווייטענ'ס זכות.

---

**אודות הגה"צ אב"ד תו"א וומסב"ג זצ"ל וחותנו הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל, ועוד**

---

**הרה"ג רבי דוד דוב אונסדארפער אב"ד תולדות אפרים:** ער האט זייער שטארק געקאכט אין ספר **התניא**, ער פלעגט עס פארלערנען.

**רבינו:** ער איז געווען א נאה דורש און א נאה מקיים.

**א' מהמנחמים:** איך געדענק מען פלעגט אים נאכקוקען אויפן באס, ער פלעגט פארן יעדן טאג קיין בארא פארק, ער איז געזעסן ביי א ווינקל און געלערנט.

**אב"ד תולדות אפרים:** ער האט געדאווענט אין אמונת ישראל כמעט א יאר צייט, און קיינער האט נישט געוואוסט ווער ער איז. ער איז געזעסן אזוי אין א זייט, ביז איינמאל איז א שנור פונעם משגיח **רבי משה וואלפסאן שליט"א** געקומען פון ארץ ישראל, און האט פארציילט אז דעם תולדות אהרן רבינ'ס טאכטער דאווענט דא אין בית המדרש, האט מען זיך געכאפט ווער ער איז. ער האט אבער נישט געוואלט טוישן פלעצער, ער איז געבליבן זיצען ביים ווינקל, ער האט געזאגט איך בין נישט געקומען דא פאר כבוד.

ער פלעגט זאגן, א מענטש דארף זיך אונטער ווארפן אונטער דעם רצון ה', מיט דעם האט ער געלעבט שטענדיג.

**הרה"צ רבי משה יעקב הורוויץ שליט"א האדמו"ר מספינקא-מאנסי:** ער האט מיר אמאל דערציילט, אז זיין שווער, דער זיידע (הגה"ק מתו"א זצ"ל), איז אמאל געווען באזוכען ביים רב'ס טאטע, און עס איז געווען עפעס א שמועס וועגן יא מכבד זיין, נישט מכבד זיין, איך האב געוואלט איבערפרעגן.

**רבינו:** ער האט נאכגעזאגט א **אגרא דפרקא** (אות יז), אז אויף כבוד זאל מען זיך נישט דינגען. אז מען איז מכבד, זאל מען עס אננעמען, נישט מאכן קיין עסק דערפון. אז מען מאכט א עסק, ווערט עס שוין טאקע א כבוד וכו'.

**האדמו"ר מספינקא-מאנסי:** איך האב אמאל גערעדט מיטן זיידען עפעס א שידוך פאר א איינקל, מיט א געוויסען רבי'ן אין ירושלים, האט ער מיר געזאגט, עס איז מיר א כבוד זיך משדך צו זיין מיט אים. האב איך געפרעגט וואס איז. האט ער געזאגט, איך האב אמאל געהאט א ברית מיט אים צוזאמען, און מען האט מיר מכבד געווען מיט סנדקאות און אים מיט מוהלות, האב איך אים געבעטן א טובה, צו ער וויל מיר אוועק געבן די מוהלות, און איך גיב אים די סנדקאות, און ער האט מיר געטון די טובה. איז ביי מיר א כבוד צו זיין מיט אים א מחותן.

**רבינו:** פארוואס האט ער ענדערש געוואלט די מוהלות?

**האדמו"ר מספינקא-מאנסי:** עס איז ביי אים געווען מער א חשיבות מוהלות. ער פלעגט צו גיין מיט בגדי שבת ווען ער האט געהאט א ברית.

*

**א' מהמנחמים:** איך האב אמאל געהערט פונעם רב (**אב"ד תו"א זצ"ל**) ביי א דרשה, אז מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רבי'ן זצ"ל**, אז ער פלעגט זאגען, מען זאל געדענקען אז דער באשעפער גייט מיט אין קאנטרי. האט ער געזאגט, איך וויל מודיע זיין פארן עולם, אז דער באשעפער בלייבט דאהי אויך...

**הרה"ג רבי אלטר קרויז שליט"א אב"ד קערעסטיר-מאנסי, וחתן כ"ק האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א:** ער פלעגט שטענדיג אויפנעמען פריילך יעדן איינעם, ער האט ארויסגעוויזען פאר יעדן איינעם אזא נאנטשאפט.

**רבינו:** ער האט פארגינען ארויסצווייזען...

**אב"ד קערעסטיר-מאנסי:** דער זיידע (הגה"ק מתו"א זצ"ל) האט אים זייער מחשיב געווען, איך האב געהערט פון מיין פעטער רבי יוס'ל (האדמו"ר ממבקשי אמונה שליט"א) אז ביים זיידן, וואס ער האט געזאגט, זיין מיינונג זיין דעת האט ער שטענדיג געהאלטן. איך האב עס געהערט פון עטליכע קינדער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב עס געהערט פונעם רבי'ן אליינס, מען דארף נישט צוקומען צו הערן פון די קינדער.

**אב"ד קערעסטיר-מאנסי:** דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען מוהל ביי אונזער משפחה.

**רבינו:** איך געדענק א ברית שבת אדער יום טוב, אפשר אפילו ראש השנה, און ער איז געגאנגען צום זיידען (הגה"צ מאודווארי זצ"ל) אין בית המדרש. ער האט געוואוינט דעמאלטס אויף מעקיבי' סט.

*

**הר"ר יחיאל טויבער:** ער (בנו מ"מ אב"ד תו"א ומסב"ג) האט געזאגט ביי די לויה, אז דער טאטע איז אוועק וועגן זיינע חטאים, איך בין געקומען אויפהייבן די חטאים...

ווען די סערדאהעלער רעביצין איז אוועק, האט דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** געזאגט, 'שחת', דאס וואס זי איז געגאנגען יעצט, 'לו', דאס איז זיינע חטאים, 'לא בניו מומם' (דברים לב-ה), עס איז נישט די קינדער'ס פעלער. האט **רבי משה לייב זצ"ל** (בעל ויגד משה) זיך אויפגעשטעלט דרש'נען, האט ער געזאגט, 'שחת', 'לו לא', אים נישט, 'בניו מומם', עס איז די קינדער'ס פעלער.

**הר"ר דוד קאהאן:** עס איז געווען תש"מ, אפאר חדשים פאר דער **צעהלימער רב זצ"ל** איז אוועק, ער איז שוין געווען זייער שוואך, און דער **סאמבאטהעלער רב** איז אריינגעקומען אין בית המדרש אויף א ברית, פרעגט ער מיך, ווער איז דאס? רבי אנשיל, דער **סערדאהעלער רב**? זעהט אויס אז עס איז געווען דמות דיוקנו.

**רבינו:** ער פלעגט נישט דערקענען א חילוק צווישן מיר און מיין ברודער. און ער פלעגט מיך אייביג פרעגן, דו ביסט עס, אדער דיין ברודער?

## הזהרו בחכם ששכח תלמודו

**הרה"ג רבי יוסף גרינוואלד שליט"א** (בן האדמו"ר מפאפא שליט"א): דער **מהר"ל** (אין פרקי אבות) האט א גאנצע אריכות, אז א תלמיד חכם ששכח תלמודו איז אזוי ווי שברי לוחות. זאגט ער, אז דער פשט איז נישט, אז מען דארף אים מחשיב זיין, ווייל ער האט אמאל געקענט די תורה, נאר עס איז ממש די זעלבע חשיבות. זאגט ער, אז לימוד התורה נעמט מען אריין אין זיך. אזוי ווי א תלמיד חכם וואס איז נישט שכח תלמודו, טראכט ער דען א גאנצע צייט אין כל תלמודו וואס ער האט געלערנט, נאר וואס דען, עס איז טמור בפנים בתוך מוחו, עס איז נישט בגלוי. איינער וואס איז שכח תלמודו, איז גארנישט בגלוי, אבער בפנים האט ער די גאנצע תורה.

**רבינו:** מען זעהט מענטשען, וואס יארן געדענקען זיי נישט, ער איז אין א קאומ"א וכדומה, און נאכדעם ווען ער וועקט זיך אויף, קומט עס צוריק. עס איז נישט טייטש אז ער האט פארגעסן, עס ליגט נאר באהאלטן, און ער קען עס נישט ארויסגעבן מן הכח אל הפועל. עס וועט אמאל קומען א צייט וואס עס וועט זיין מעדעצין אויף אלצהיימע"ר אויך, און מען וועט צוריק געדענקען אלעס וואס מען האט נישט געדענקט.

**הר"ר אפרים בלומענבערג:** אלצהיימערס איז א בחינה אז עס מעקט זיך אויס.

**רבינו:** עס מעקט זיך גארנישט אויס, מען קען אלעס צוריקברענגען.

**אב"ד תו"א ומסב"ג:** מען זאגט כל הנשמה תהלל י-ה (תהלים קנ-ו), אפילו עס איז דא נאר א נשימה, עס איז גארנישט דא חוץ פון דעם, איז אויך תהלל י-ה.

**האדמו"ר מספינקא-מאנסי:** איך האב אליינס געהערט פונעם זיידן, ביי איינס פון די צדיקים וואס מען האט איינגעריסען, האט מען אים געפרעגט, וואס בעהט מען אזוי, ער איז דאך ממילא נישט ביי זיך. האט ער געזאגט, מען האט נישט קיין מושג וואס דער דור האט פון א צדיק וואס איז אין אזא מצב.

## בענין אופן מיתת צדיקים

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך געדענק ווען דער סאטמארער **רב זצ"ל** איז געזעסן שבעה נאך א טאכטער ע"ה, האט ער שבת נישט געזאגט קיין תורה, נישט פרייטאג צו נאכטס און נישט ביי שלש סעודות. כאטש ער האט געזאגט יעדן שבת.

**א' מהנוכחים:** א יוד האט מיר געזאגט, אז יענעם פרייטאג צונאכטס האט ער מקפיד געווען זיך נישט אראפצוזעצן ביז נאך די זמן פון ר"ת.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די לויה איז געווען פרייטאג, איך געדענק נאך דעם הספד, ער האט אינגאנצן גע'דרש'נט נאר אפאר מינוט. ער האט נישט געוואוסט אז זי האלט אזוי שמאל, מען האט אים נאר געהאט געזאגט, אז זי פילט נישט גוט. האט ער געזאגט, אז עס איז דאך קרוב ה' לכל קוראיו, אמאל מאכט דער אייבערשטער, אז איידער מען כאפט זיך, אז מען זאל קענען עפעס מתפלל זיין, נעמט ער שוין אוועק, און מען קען גארנישט טון. 'כי עד צדק', ווילאנג עס איז מעגליך אז מען זאל מאכן עפעס פאר יענעם צדק, 'ישוב משפט' (תהלים צד-טו), מאכט שוין דער אייבערשטער דעם משפט, און עס איז שוין נישט דא וואס צו טון.

**רבינו:** ער האט געזאגט, אז צדק גייט ארויף אויף תפלה (ברכות יד.).

**א' מהמנחמים:** דער **בעלזער רב זצ"ל** איז אויך אוועק אזוי פון איין מינוט אויפן צווייטען. ער האט נאך געפירט טיש יענעם פרייטאג צו נאכטס.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז א עקסטערע זכיה, ער איז שוין געווען א אלטער יוד, און ער האט אנגעהאלטן ביז די לעצטע מינוט, ער האט געלערנט און געדאווענט, פרייטאג צו נאכטס האט ער נאך געזאגט תורה ביים טיש.

דער **שם שלמה** פון מונקאטש (עס איז היינט די יארצייט), האט געהאט א חבר, **רבי פישל נאנאש'ער**, ער האט געמאכט דעם ספר **אפסי ארץ**, זיי זענען געווען חברים, און ער האט זיך אמאל געטראפן מיטן **שם שלמה**, האט דער **שם שלמה** געזאגט פאר דעם רבי פישל, אז ער האלט, אז עס איז גוט אז א מענטש זאל אוועקגיין פלוצלינג. עס איז נישט דא קיין ביטול תורה, ווילאנג מען האט לעבן זאל מען דינען דעם אייבערשטען, און ווען עס קומט די צייט, זאל מען אוועקגיין. און רבי פישל האט געזאגט, ניין, עס איז גוט אז מען איז קראנק אביסל, מען קען זיך מתבונן זיין, מען קען מצווה זיין, מען קען תשובה טון, עס איז א גוטע זאך.

לימים איז דער רבי פישל קראנק געווארן, ער איז געווען קראנק פונקט א וואך, און נאכדעם איז ער נסתלק געווארן. דער **שם שלמה** איז געווען א געזונטער מענטש, ער האט געליינט קריאת שמע שעל המטה, און נאך קריאת שמע פלעגט ער צוגיין צו די מזוזה און זאגן פסוקי דרחמי, און ער איז צוגעגאנגען קישן די מזוזה, און ער איז צוזאמגעפאלען, און אויפן פלאץ איז ער נסתלק געווארן. האט מען געזעהן אז רצון יראיו יעשה, דער האט דאס געבעטן, און דער האט אזוי געבעטן.

**הר"ר אפרים בלומענבערג:** ביי יעקב שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פז.), אז ער האט אויסגעבעטן אז מען זאל זיין קראנק פאר מען גייט אוועק פון די וועלט.

**רבינו:** ווי אזוי פארענטפערט מען די גמרא?

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס קען זיין אז עס איז א חילוק פון א פשוט'ער יוד. יעקב האט מתפלל געווען פאר די וועלט, וואס עס איז נוגע פאר אלע דורות. יעדער איז מודה אז פאר א פשוטן יוד איז גוט אז ער איז מהרהר בתשובה. אבער א ערליכער יוד איז ממילא כל ימיו בתשובה, ער דארף נישט האבן דעם יזכיר לו יום המיתה[ד].

---

[ד] בסעודת פורים שנת תשנ"ה לפ"ק סיפר **רבינו שליט"א:** הייתי פעם אחד יחד עם **אאמו"ר זצ"ל** אצל לויה של גדול בישראל שנפטר ל"ע בפתע פתאום, והספידו את הנפטר שעות ארוכות, ואמרתי אז לאבי, שאין טוב להאדם שיסתלק בפתע פתאום, שהרי אין לו זמן להכין את עצמו לפני פטירתו. אם בגשמיות, הרי צריך לצוות את בניו בעניני ירושה ונכסים שיש לו, ושאר דברים שרוצה למסור איך יתנהגו אחר מותו. וביותר בעניני רוחניות, שלפני שנפטרים מזה העולם הלא צריכים לידע עם מה הולכים, ימי חייו עברו בלא כלום, הרי צריך ליתן דין וחשבון על כל המעשים, עכשיו עושים הסך הכל מכל החיים. וכשאדם יודע מקודם מזה, הוא יכול להכין את עצמו, לשוב בתשובה כל אחד לפי ערכו ולפי השגתו, הוא עושה כל מה שביכלתו בתשובה ותיקון המעשים וכדומה, אבל

**הר"ר אפרים בלומענבערג:** מען זאגט נאך אויף **רבי נחמן ברסלב'ער זצ"ל** אז ווען ער איז נישט געווען געזונט, פאר ער איז אוועק פון די וועלט, האט די טאכטער געוויינט. האט ער געזאגט, וויין נישט, עס איז נאר אזוי ווי מען גייט אריבער פון איין שטוב צו די צווייטע.

## בענין שבעת ימי אבילות, ומעלת חודש סיון ועוד

**רבינו:** קודם וויל איך וואונטשען מזל טוב (לרגל נישואי הנכד בן חתנו **האדמו"ר מזוועהיל-מאנסי שליט"א**).

**האדמו"ר מסקווירא:** ברוכים תהיו. דער אייבערשטער זאל העלפן שמחות מיט נחת מיט הרחבת הדעת.

**רבינו:** דאס איז זיכער א דבר טוב אנצוהייבן.

**האדמו"ר מסקווירא:** עס שטייט דאך (כתובות יז.) מעבירין את המת מלפני הכלה, איז אפשר פשט אז שמחת חתן וכלה האט א כח מבטל צו זיין דעם ענין.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער רבי האט אסאך מחזק געווען דעם טאטן ז"ל.

**האדמו"ר מסקווירא:** ער איז געווען קראנק א לענגערע צייט.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** זעקס זיבן יאר.

**אב"ד חרדים:** דער טאטע פלעגט זיך משתעשע זיין אסאך מאל אז ער איז געווען ביים רבי'ן.

**האדמו"ר מסקווירא:** מן הסתם האט ער געמיינט אלץ זכות אבות. ער האט אסאך יארן מרביץ תורה געווען.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער רבי פלעגט זיך אינטערעסירן ווי אזוי עס גייען די שיעורים. שפעטער האט מען אויך גערעדט מיטן רבי'ן וועגן רפואה ענינים.

**האדמו"ר מסקווירא:** דאס הרבצת התורה און די אלע זאכן נעמט מען דאך מיט. אבותי גנזו למטה ואני גנזתי למעלה (ב"ב יא.).

---

בכל אופן הרי יש לו איזה הכנה. אולם כשאחד נפטר מן העולם בפתע פתאום מרגע אחד למשנהו, הוא מאד לא נעים להאדם. כשאמרתי לו כן, הסתכל עלי בעינים תמיהות, ואמר לי: אתה בטלן, כשמגיעים לשנים אלו, אינו עובר יום שאין חושבים מהעולם הבא, ואף שנפטר פתאום ודאי כבר הכין את עצמו לפני פטירתו (נדפס **בשמן ראש** פורים ח"א דף שע"ו ע"ש).

**רבינו:** דער ברודער (גאב"ד סערדאהעלי) האט נאכגעזאגט, אז אין רמב"ם (הל' אבל א-א) שטייט, אז די חכמים האבן מתקן געווען זיבן טאג אבילות, און שבעת ימי המשתה. ווייל די חכמים זענען נישט מתקן א זאך וואס איז נישט גוט, און אויב זיי האבן מתקן געווען אבילות, האבן זיי געמוזט צוגעבן דערצו די היפך אויך. וויפיל טאג עס איז דא אבילות, דארף זיין דערקעגן דעם שבעת ימי המשתה.

**האדמו"ר מסקווירא:** עס איז נישט ממש פונקט אקעגן, ווייל מדה טובה מרובה ממדת פורעניות על חמש מאות (סוטה יא.), איז דאך די התגברות מצד החסד מער.

**רבינו:** עס איז דא א ווארט פונעם **אמרי אמת**, אז רבי יוחנן בן זכאי האט מתקן געווען, אז יום הנף כולו אסור, ווייל מהרה יבנה בית המקדש (ראש השנה ל.). האט דער **אמרי אמת** געזאגט, אז רבי יוחנן האט געמאכט פארדעם תקנות וועגן זכר למקדש, לולב ניטל כל שבעה במדינה זכר למקדש, האט ער געדארפט געבן חיזוק אז מהרה יבנה המקדש. זה לעומת זה.

**האדמו"ר מסקווירא:** די גאנצע חודש איז דאך נאך ירחא תליתאי (שבת פח.), און איינס פון די זאכן וואס מען דרשנ'ט אויף חרות על הלוחות (שמות לב-טז), איז חירות פונעם מלאך המות. אז די גמרא רופט עס אן ירחא תליתאי, איז א סימן אז די גאנצע חודש האט די כוחות פון דעם.

דער **טאטע ז"ל** פלעגט אסאך נאכזאגן דעם ווארט פונעם **באררדיטשוב'ער רב זי"ע**, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם (פסחים סח.), אז עס איז דא זמנים וואס דער יום טוב איז געווען א גאולה גופנית, און לכאורה ביי קבלת התורה מיינט מען דאך אז עס איז נאר רוחניות. דערפאר שטייט הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, עס איז טאקע רוחניות, אבער מיט די תורה איז אויך דא אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז), רפאות תהי לשרך וכו' (שם ג-ח). מסתמא ווערט דאס נמשך דעם גאנצן חודש, און עס איז מהפך די אלע ענינים לטובה.

דער **טאטע ז"ל** פלעגט דערמאנען די זעלבע בחינה פונעם **לובלינער זי"ע** אויף די הפטורה (הושע ב-א) והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר מרוב, און דער מדרש

(במדב"ר ב-יג) זאגט אויף דעם, והיה מספר הסופר כמספר התורה. זאגט ער, אז בעצם ביי קבלת התורה איז געווען די אלע השפעות פון בני חיי ומזוני. והיה מספר בני ישראל, דעמאלטס ווען יודען האבן געציילט ספירה, איז געווען כחול הים דאס איז מרמז אויף חיי, ווייל דער ים איז נישט מקבל קיין דבר מת (עיין **באור החיים הק'** שמות טו-כב), אשר לא ימד, איז א ענין פון מזוני, ולא יספר מרוב, איז א ענין פון בני. אבער מען זאל נישט מיינען אז דאס אלעס איז געווען נאר דעמאלטס ביי קבלת התורה, נאר והיה מספר הסופר, יעדער יוד וואס ציילט ספירה, איז כמספר התורה, און אזוי ווי דעמאלטס האט מען געקענט ממשיך זיין בני חיי ומזוני, אזוי אויך קען מען יעדעס יאר. - מען האט געשמועסט אז עס האט נאך א שייכות מיט ירחא תליתאי.

**רבינו:** די גמרא (שבת פח:) זאגט, אז ביי מתן תורה איז יצתה נשמתן, און דער אייבערשטער האט געברענגט טל של תחיה. זעהט מען אז דער חודש האט אין זיך טל של תחיה.

**האדמו"ר מסקווירא:** די ספרים הק' ברענגען אויף די הפטורה (זכריה ז-ג), ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה, אז דאס גייט ארויף אויף די טל של תחיה.

איך וויל נישט זיין 'חב לאחרים' [ששהו במקום ציבור גדול של מנחמים]. המקום ינחם אתכם וכו', מען זאל נישט וויסען פון קיין צער, נאר שמחה מיט נחת.

## בענין מיתה מכפרת

**רבינו:** איך האב היינט געזעהן אין שלחן ערוך (יו"ד סימן שע"ו סעיף ד') די הלכה אז א מומר וואס איז אוועק, זאגט מען נישט קיין קדיש נאך אים. אויב אבער ער איז נהרג געווארן על ידי עכו"ם, אדער על ידי ישראל, נישט קיין חילוק, זאגט מען נאך אים קדיש. זאגן די מפרשים (עיין **בשו"ת בנימין זאב** סימן ר"ג), לכאורה פארוואס זאל מען נישט זאגן קיין קדיש נאך אים, אים מעלה צו זיין. נאר פשט איז, אויב ער איז א מומר, ווערט נישט העלפן דער קדיש. קדיש העלפט נאר פאר איינעם וואס איז א ערלכער יוד, נאר ער האט געזינדיגט, אבער בעצם איז ער נישט יצא מכלל ישראל, טאמער איז ער יצא מכלל ישראל נוצט נישט דער קדיש. אבער אויב ער איז נהרג געווארן, איז די מיתה מכפר אויף אים. יעדע מיתה וואס איז שלא כדרכו איז די מיתה מכפר, אז ער איז נתכפר געווארן, יעצט קען ער שוין האבן א עילוי מיט דעם קדיש וואס מען זאגט.

קומט אויס אז די אלע יודען וואס זענען אוועק ביי די קריג האבן געהאט א געוואלדיגען עילוי, עס זענען געווען מומרים אינעם כלל ישראל אין די צענדליגע טויזענטער, און די מיתה האט מכפר געווען. עס איז געווען א געוואלדיגע תיקון פאר די אלע נשמות[ה].

## עניני ניחום אבלים בהלכה
## ואודות הגה"צ אב"ד תו"א וומסב"ג זצ"ל

**הרה"ג רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א אב"ד לימנוב:** עס האט מיר נאכגעזאגט א אדם גדול, אז יארן צוריק, בשעת דער סאטמארער דיין **רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א** איז געזעסן שבעה נאך א ברודער, האט זיך פונקט געמאכט, אז דער **צעהלימער רב זצ"ל**, מיט מיין

[ה] נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בסעודת פורים תשע"ה לפ"ק: כלל ישראל עבר בזמן המלחמה העולמית כל כך צרות וכאב, עס איז ביי מיר פשוט כביעתא בכותחא כי כל זה היה בהשגחה עליונה כדי שיגיעו אחר כך לאמעריקא, כי מוטל עלינו לתקן ולהעלות הניצוצות הק' ממקום זה. ובלא זה, לא היה עולה על הדעת ליהדות אירופא לבוא לדור במדינה שאמרו עליה שגם המים והאבנים שבה טריפה, ורק סיבת המלחמה הביאה להרגיש שאי אפשר להם עוד להשאר שמה. דער אייבערשטער האט געוואלט אז די לעבעדיגע זאלן שפירן אז מען קען נישט בלייבן דארטן, און אנקומען אהער, מיר דארפן מקדש זיין דעם טריפה'נעם אמעריקע אויך. אלע אונזערע נסיונות וואס מיר האבן דא, איז נאר אונז מקדש צו זיין און צוגרייטן צו די ישועה. וגם מה שנהרגו כמה מליוני נפשות ישראל היה לצורך תיקון נפשם. חלק גדול מהם לא החזיקו בדרכי התורה, שקשה היה תיקונם. אבל בהיות שנהרגו עבור שהם ישראל, נתקנו בפעם אחת מליוני נשמות, כדי שנהיה מוכנים להישועה הכללית. זה לא היה אבידה להכלל ישראל אלא גם תיקון נורא שנמסרו נפשם על קדושת שמו, עבור שהם יהודים, וכל מה דעביד רחמנא לטב עביד (נדפס **בשמן ראש** פורים ח"ב דף שצ).

שוּוער, דער **פאפא רב זצ"ל**, זענען צוזאמען אריינגעקומען, זיי זענען געווען אין איין צייט מנחם אבל זיין. אוןביידע זענען געבליבן שטיל, ווארטן ביז די אבלים זענען פותח, אזוי ווי די הלכה איז (יו"ד סימן שע"ו סעיף א'). און עס האט זיך עפעס פארשלעפט, עס האט זיך נישט געמאכט א שמועס. האט זיך **צעהלימער רב** אנגערופן, אז ער האלט להלכה, אז די וואס קומען מנחם אבל זיין, מעגן פותח זיין. דאס וואס עס שטייט אין שלחן ערוך, דאס גייט ארויף אויף אנהייב טאג, ווען מען זעצט זיך אוועק, און די אבל איז פותח, גייט עס שוין אויף א גאנצע צייט. אבער עס איז נישט פשט אז צו יעדן איינעם וואס קומט אריין דארף ער פותח זיין. ער האט געהאט א ראיה פון א ירושלמי, וואו עס איז משמע פון דעם ירושלמי, אז דער וואס איז אריינגעקומען האט פותח געווען, איז די קשיא ווי אזוי האט ער פותח געווען, זאגט דארט איינער פשט, אז עס שטייט דארט אין ירושלמי אז יענער איז אריינגעקומען אינמיטן, עס איז שוין געווען א שמועס מיטן פריערדיגען תנא, איז ממילא האט ער געמעגט פותח זיין. עס האט זיך געמאכט אזא תורה'דיגע שמועס, מיין שוער איז נישט געווען אזוי הונדערט פראצענט צופרידן, האט זיך **צעהלימער רב** אנגערופן, אז עס איז אויך דא א בעל בתי'שע סברא, אז היינט וואוינט מען אין א גרויסע שטאט, און עס קומען אסאך מענטשען, קען מען דען א גאנצען טאג פותח זיין מיט יעדן איינעם. און אזוי האט דער **צעהלימער רב** געטון.

**רבינו:** עס איז מעגליך נאך מער, אלץ רעדט מען ווען מען קלאפט אריין צו יענעם אין שטוב מנחם זיין, אפשר איז ער נישט דערביי. אבער ווען א מענטש עפענט די טיר, און ער שרייבט א צעטל אז יעדער קען אריינקומען, וואס איז טייטש אז ער איז נישט דערביי? מאך צו די טיר, וועט קיינער נישט אריינקומען.

**אב"ד לימנוב:** דאס הייסט אז די צעטל וואס ער מעלדט איין, דאס הייסט ווי ער איז פותח.

**רבינו:** די טעם איז דאך נאר ווייל אפשר איז ער נישט גרייט אויף ניחומים. ער איז גרייט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ווען איינער איז שוין דארט פון פריער, זעהט מען דאך אז ער איז גרייט אויף ניחומים, ער האט שוין גערעדט צו א צווייטען.

**רבינו:** נאך מער, אפילו ער האט נאכנישט גערעדט צום ערשטען אויך נישט. ער מעלדט דאך איין, די טיר איז אפען, יעדער זאל אריינקומען.

**אב"ד לימנוב:** עס איז יעצט ארויסגעקומען תולדות פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, ברענגט ער דארט א אינטערעסאנטע מעשה, אז עס איז אמאל געווען א טראגעדיע אין ירושלים, און **רבי יוסף חיים** האט נישט געהאט קיין שייכות מיט די משפחה, אבער ער האט געוואלט מנחם זיין, און ער האט זיך אנגעגרייט שטארקע דיבורים ווי אזוי ער קען מחזק זיין. ווען ער איז אריינגעקומען איז דער אבל געווען אזוי צובראכן, אז ער האט גארנישט גערעדט, שרייבן זיי דארט, אז עשרים דקות, צוואנציג מינוט איז ער געזעסן אזוי. אויב עס איז אמת, איז עס א זמן רב. ביז **רבי יוסף חיים** האט געזעהן אז עס נעמט נישט קיין עק, ער גיט נישט אויף, און ער וויל רעדן, האט ער זיך געמאכט ווי ער זוכט עפעס, פרעגט אים דער אבל, איר האט עפעס פארלוירן דא? זאגט ער, איך האב עס שוין געטראפן... און אזוי האט ער אנגעהויבן צו רעדן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דארט איז ער אריינגעקומען, און קיינער איז נישט דארט געווען, קיינער האט נישט גערעדט.

**אב"ד לימנוב:** עס האט מיר געזאגט א יוד, אז מיין שוּוער, דער **פאפא רב זצ"ל**, טאמער דער אייבערשטער זאל אפהיטן עס איז געווען עפעס קליינע יתומים, אפילו ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט זיי, ער האט זיי נישט געקענט, איז ער געגאנגען מנחם אבל זיין.

**רבינו:** עס איז נישט געווען אזוי סאך.

**אב"ד לימנוב:** די חידוש איז, אז געווענליך גייט מען נאר דארט ווי מען האט עפעס א שייכות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** געווענליך אז מען האט נישט קיין שייכות, ווערט יענער נישט מנוחם אויך נישט. ער איז א פרעמדער, ער קען מיר זאגן ביז מארגען. פון א היימישן נעמט מען מער אן. אבער יתומים די ווערן מנוחם אפילו פון א פרעמדער, א רב, וכדומה.

**הרה"ג רבי משה פרץ שווארץ שליט"א אב"ד קול אריה לעיקוואד:** ביי **הרב פאם זצ"ל**, איז געווען

א מעשה, ער האט מקפיד געווען קיינמאל נישט אנצוהייבן. ער איז אמאל אריינגעקומען צו א מצב וואו עס איז געווען זייער א גרויסע טראגעדיע, און ער האט געזעהן אז דער אבל רעדט נישט, האט ער אנגעהויבן צו וויינען, און דער אבל האט אים נישט געענטפערט, איז ער ארויסגעגאנגען. האט דער אבל געזאגט נאכדעם, ער האט מיך די בעסטע מנחם געווען.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט פארציילט, אז ווען ער איז געזעסן שבעה נאך די מוטער, איז דער **גוטא רב** (הגה"צ רבי יחיאל בוים זצ"ל) געקומען, און ער האט מיטגעוויינט מיט די אבלים צוזאמען.

**האדמו"ר מוויזניץ-קיימישע: דער טאטע זצ"ל** פלעגט זאגן, אז די שווערסטע זאך ביי ניחום אבלים, איז דאס אז ער דארף אלץ אנהייבן.

**אב"ד לימנוב:** ווייל מען ווייסט נישט וואס צו זאגן. מען האט נישט די ריכטיגע ווערטער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** פאר יעדן איינעם עקסטער עפעס צו זאגן.

**אב"ד לימנוב:** מיין שווער פלעגט צו זאגן, קען זיין עס איז פשוט טייטש, בתוך שאר אבלי ציון, אז עס איז דא א מאמר חז"ל (דב"ר ב-כב), אז א צרת יחיד, אז א מענטש איז אליין, איז די צרה א צרה. אבער טאמער ער איז נישט אליין, איז עס צרת רבים חצי נחמה. עס איז דא א מימרא אין חז"ל אז ירמיה האט געזאגט (ירמיה ו-כו), אבל יחיד עשו לך, ווען איך בין אליין, איז די צרה א צרה. וואלט איך געווען מיט א רבים, וואלט איך מיך געטרייסט. זאגט ער, ווען עס קומט נעבעך און מען איז מנחם אבל, זאגט מען ליידער מען זאל נישט געפרובט ווערן, אבער עס איז בתוך שאר אבלי ציון, עס איז נישט קיין יחיד.

**האדמו"ר מוויזניץ-קיימישע:** פאר דרייסיג יאר צוריק, אפשר נאך מער, בין איך געווען איינמאל ביים טאטן ביים טיש שבת, און ביים טיש איז געווען אפאר עלטערע חשובע אנשים מכובדים, און דער טאטע האט געגעבן פאר איינעם דאס בענטשען. האט ער מיר געזאגט, ער איז דער חשוב'סטער פון זיי אלע, ער האט געוויזען אויפן ברודער, דער נפטר, איך מוז דאך אבער געבן פאר זיי...

**אב"ד לימנוב:** דער טאטע האט אויך פארשטאנען אז מען דארף זיך רעכענען מיט דעם...

**האדמו"ר מוויזניץ-קיימישע:** ער האט עס גוט געקענט. מען דארף נאר פארשטיין, אז ער האט אויך געוואוסט...

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דעם אמת דארף מען אבער זאגען...

*

**אב"ד לימנוב:** עס גייט מיר נישט ארויס פון קאפ די מצוה טאנץ ביי רבי אהרן'ס חתונה, עס איז געווען אין ראוז קעסטל, עס איז געווען א גרויסע רינג, און ער האט זיך צופלאמט, די ערשטע מאל וואס איך האב געזעהן אזא זאך.

**אב"ד חרדים:** ביי אלע קינדער איז אזוי געווען.

**אב"ד לימנוב:** ער איז נישט געווען דאהי, ער איז אריין אין א העכערע וועלט, נישט סתם. **רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל** (אב"ד בעלזא מאנטריאל) איז געשטאנען נעבן מיר, און ער האט מיר געזאגט, 'עס נעמט מיך איבער'. ער איז געווען נייגעריג פון וואו ער האט עס גענומען, צו פון זיינע זיידעס. עס איז געווען א לאנגע צייט. עס איז געווען נאטורליך.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** רבי יעקב יצחק בכלל האט אים זייער מחבב געווען. ער האט אמאל, ווען ער איז געווען אין מאנטריאל, געשריבן זייער א שיינעם בריוו. עס איז נישט קיין חידוש, ער איז צו יעדן געווען זייער צוגעלאזן.

**אב"ד לימנוב:** דער טאטע האט געהאט די מדה פון עין טובה, יעדעס מאל ווען מיר האבן זיך געטראפן, פלעגט ער אלץ זאגן א גוטווארט, כאילו ער ווערט זייער נתפעל טאמער ער האט געהערט פון מיר א ווארט דא, און א ווארט דארט. ער האט געקענט מאכן זייער גוט פילן יענעם. א מורא'דיגער עין טובה.

איך האב מיך דערמאנט א מעשה, מיין טאטע איז געווען אמאל, יארן צוריק, ביי א דעמאנסטרעשא"ן, און עס איז געווען נאך איינער דארט, און ביי יענעם האט מען געמאכט א געוואלד, דער עולם איז נאכנישט געווען אזוי שטיל, און ביי מיין טאטן איז יא געווען שטיל. האט ער געטראכט קען זיין אז עס וועט זיין חלישת הדעת פאר יענעם, דער גדול קען גוט לערנען. איז דער טאטע צוגעגאנגען נאכדעם, אז ער האט אזוי גוט גערעדט, צו ער קען אים

טון א טובה, און געבן זיין צעטל, די ראשי פרקים, ער וויל עס נישט פארגעסן. יארן האט יענער גערעדט דערפון. גיב א קוק ווי ער האט געבעטן מיינע צעטלעך. מיין טאטע האט עס נישט געדארפט, ער האט נאר געוואלט אים מאכן גוט פילן, דאס איז געווען זיין כוונה. - עס איז דא אמאל אזא ענין וואס, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, איז ער צוגעקומען - איך וויס ווען איך רעד יא גוט, און ווען איך רעד נישט גוט - אפילו ווען איך האב נישט, איז ער אויך צוגעקומען מיט אזא גוט ווארט, און עס האט מיר געשמעקט. א עין טובה, גארנישט מער. דאס הייסט עין טובה, א גוט ווארט שאדט קיינמאל נישט.

פאריגע וואך אין די סדרה שטייט (במדבר י-כט) כי ה' דבר טוב על ישראל, מען זאגט עס נאך פונעם לעכוויטשער, אז עס איז געווען ביי אים כלי זמר, ווייל די וואך אין די סדרה איז דא די פסוק (מובא בספר **אמונת עתיך** פ' בהעלותך). עס איז דא אזא ענין, כי ה' דבר טוב על ישראל, אז מען רעדט גוטס אויף א יוד. להגיד שבחו, איז א ענין.

## אודות הרב מרדכי אברהם כ"ץ ז"ל מעיר סאטמאר

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל מיט דיין טאטן (**הגה"צ רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל** אב"ד בית אהרן פלעטבוש) זענען געווען אזוי ווי צוויי ברודערס. עס איז מן הסתם נישט אדורך א טאג וואס זיי האבן נישט גערעדט אויפן טעלעפאן.

**הרה"ג רבי יהושע כ"ץ שליט"א אב"ד מאגרוב:** אוודאי, ער פלעגט מיטהאלטן יעדע שמחה. ער פלעגט קומען צו פארן צום אויפרוף וכדו'.

**רבינו:** ער איז געקומען צו פארן צו מיין חתונה אין מאנטריאל.

**אב"ד מאגרוב:** ביי מיין זיידע'ס (**הרב מרדכי אברהם כ"ץ** ז"ל מעיר סאטמאר, אחיו של **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**) לויה, תש"ג, האט מיין טאטע געזוכט די צוואה, ער האט עס נישט געקענט טרעפן. מען האט געווארט אויפן **סערדאהעלער רב** אז ער זאל קומען צו די לויה, האט מען געמאכט די לויה א טאג שפעטער, כדי ער זאל קענען קומען פון סערדאהעלי קיין סאטמאר. און ער איז געקומען און ער האט מספיד געווען, זיי האבן זיך געהאלטן זייער נאנט. נאך די לויה האט ער געטראפן די צוואה, און עס איז געשטאנען אז מען זאל מאכן די לויה תיכף ומיד, דעם זעלבן טאג, און מען זאל אויף קיינעם נישט ווארטען. עס איז געווען מן השמים אז מען זאל עס נישט טרעפן.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט צו זאגן, אז דער זיידע האט שטענדיג מכיר טובה געווען דעם רבי מרדכי אברהם, אז אין די יוגענט האט ער אים אסאך אויסגעהאלטן אז ער זאל קענען לערנען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** שפעטער אויך, די ישיבה האט ער אויך ארויסגעהאלפן.

**אב"ד מאגרוב:** עס איז געווען תקופות וואס ער האט געהאט געלט.

אין סאטמאר איז דא צוויי אוהלים איינס נעבן דעם צווייטען, איינס איז פון **רבי חיים הלברשטאם זצ"ל**, א זון פון **רבי שלום אליעזר'ל פון ראצפערט**. ער איז געווען א דיין אין סאטמאר. און אין די אנדערע ליגט **רבי בערצ'י** א זון פון **רבי מרדכי'לע נדבורנ'ער זצ"ל**. און אין די פלאץ צווישן די צוויי אוהלים ליגט דער זיידע **רבי מרדכי אברהם ז"ל**. - דער **רבי בערצ'י** פון סאטמאר איז מיין שווער'ס (**האדמו"ר מווערדאן שליט"א**) זיידע, זיין טאטנ'ס טאטע.

**רבינו:** זיי זענען שפעטער געווארן מחותנים.

## עובדות ועניינים מהאדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל, ועוד

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** ער איז געווען פון די גרויסע מזכי הרבים, איינע פון די גרויסע מגידים, מיט זיינע דרשות. איך בין אסאך מאל געווען ביי זיינע פרקי אבות דרשות.

**רבינו:** הוצק חן בשפתותיך.

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** די זעלבע זאך מיט דעם רב'ס ספרים. עס קומט אסאך מאל אויס, מען דארף זאגן אפאר ווערטער. דער זיידע (**האדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**) פלעגט זאגן, אז פאר מען הייבט אן צו רעדן, דארף מען קודם אדורכלערנען חומש רש"י מיטן **אלשיך הק'**, און נאכדעם **דרשות חתם סופר**. נו דארף מען דאך גיין זוכען דעם שטיקל **חתם**

**סופר** וואס האט שייכות אביסל צו די פרשה, אזוי אז מען עפענט אויף די ספרים, וואס גייען אין די דרכים, טרעפט מען וואס מען זאל נאר נישט דארפן. מען קען צושטעלן, צו סעודה שלישית, שבת אדער יום טוב, עס איז דא אויף יעדע ענין. עס איז גוט פאר בעלי דרשנים, און סיי פאר יעדן וואס דארף עפעס אמאל זאגן.

די זיידע ז"ל אליינס, פלעגט אויך צו לערנען **ספורנו** מיטן **רמב"ן**, יעדע צווייטע טאג איז ער אדורכגעגאנגען דעם **ספורנו** מיטן **רמב"ן** אויף די פסוקים.

דער אופן ווי ער פלעגט אראפלייגען פרקי אבות, האט אויך געהאט א חן, א ווארימקייט, דער זיידע ז"ל פלעגט זאגן אז עס זענען דא רבנים אין שטאט וואס זענען געשטעלט משפיע צו זיין, איבערצוגעבן, און דער ציבור איז מקבל.

**רבינו:** דאס איז א עקסטערע מתנה.

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** דער טאטע (האדמו"ר רבי ישכר בעריש מספינקא) ז"ל האט געהאט א שייכות. דער טאטע ז"ל פלעגט צו נעמען דעם **סאמבאטהעלער רב** אלס מוהל, פאר ער פלעגט אליין צו זיין, ביי מיין ברית איז ער נאך געווען דער מוהל.

**רבינו:** מיטן טאטען ז"ל זענען מיר געווען שכנים, ער האט געוואוינט אויף פענן סט.

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** גלייך נאך די חתונה. פון דארט האט ער געהאט א קשר מיט אים?

**רבינו:** דער טאטע ז"ל פלעגט דעמאלטס צו דאווענען ביי אונז אין בית המדרש, ער האט געוואוינט אקעגן איבער.

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** דער טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז אין יענע יארן, וועלכע ערליכער יוד עס איז נאר געווען האט ער פראבירט עפעס קונה צו זיין. דער זיידע פלעגט אים איבערפרעגן. מיטן **שאפראנער רב זצ"ל** איז ער געווען זייער נאנט. ווען איך פלעג גיין צו די פרק דרשות, פלעגט ער מיך איבערפרעגן וואס מען האט געזאגט. אויף וואס מען האט זיך געשטעלט, און וואס מען האט ארויסגעברענגט.

**רבינו:** לא המדרש העיקר אלא המעשה.

**האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא:** דער רב פלעגט דאך אויך קומען צום זיידען.

**רבינו:** יא, איך פלעג צו גיין אפט (בעריכת שלחנו שבת סליחות מידי שנה בשנה, ואמירת לשנה טובה בליל ראש השנה, ועוד). איך בין געווען אמאל ביים זיידען פורים, און עס זענען געשטאנען א לאנגע שורה מיט מענטשען. איך האב זיך געאיילט, בין איך געגאנגען פון די אנדערע זייט, וואו עס איז געווען ליידיג. האט דער זיידע אנגעהויבן זייער צו לאכן. האט ער מיר געזאגט, איך האב זיך דערמאנט, אז ווען איך בין געווען א יונגערמאן, בין איך געווען ביים **סאטמארער רב זצ"ל**, ערב יום הקדוש, זיך געזעגענען. און עס איז געשטאנען א לאנגע שורה מיט מענטשען, אינמיטן זעה איך אייער טאטע קומט אן, און ער גייט פון די אנדערע זייט, און ער גייט גראד צו, און ער גיט א קוויטל פארן רבי'ן. האב איך זיך אויסגעלערנט, האט ער געזאגט, אז מען קען גיין פון יענע זייט אויך. איך האב געזעהן איר טוט אזוי, האב איך זיך דערמאנט.

## אודות הגה"ק משאמלויא זצ"ל

**האדמו"ר מבאבוב 45:** ער האט געהייסען נאכן **שאמלויא'ער רב.** דער **שאמלויא'ער רב** איז אומגעקומען על קידוש ה'. ער איז שוין געווען א עלטערער יוד.

**רבינו:** ער איז אלט געווען איין און אכציג יאר. ער איז נתגדל געווארן ביים **קול אריה** אין שטוב. דער **קול אריה** איז געווען שטארק דבוק אין צאנז.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** דער **שאמלויא'ער רב** האט פארנומען א גרויסען ארט.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטן ז"ל, אז עס איז געווען א חתונה אין דעברעצין, פון א אייניקל פונעם **קול אריה**, און דער זיידע דער **שאמלויער רב** איז געווען ביי די חתונה, און דער זיידע האט געזאגט דברי תורה, אמאל האט מען געזאגט ביי די חתונות דברי תורה, אינמיטן האט ער געזאגט, אז דער זיידע דער **קול אריה** האט געזאגט אויף מיר גרויסע זאכן, וואס איך וועל אויסוואקסן. און עס שטייט דאך אז צדיקים קומען צו די חתונה פון די קינדער, און ער קוקט מיך אן, און ער זעהט וואס עס איז געווארן פון מיר, האט ער שברי לב, וואס עס איז אויסגעוואקסען פון דעם אייניקל.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט עס געזאגט מיט גרויסע בכיות.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** דאס איז די סימנים פון אמת'דיגע צדיקים, זיי מיינען אז זיי זענען גארנישט.

## בענין הספר נחלי בינה, ובענין אומנות המילה

**האדמו"ר מקראלי:** מען זאגט נאך אז דער **דרכי תשובה** האט געלערנט פאר קידוש **אמרי יוסף**, און מען האט אים געפרעגט, אז ער איז אין די זעלבע יאר-גאנג, דער **דרכי תשובה** איז געווען אין דעם זעלבן יאר גאנג ווי דער **אמרי יוסף**, האט ער געזאגט, וואס זאל איך זאגן, וואו מען קוקט נאר אריין, איז ער איבעראל אינדערהיים. - אויפן **נחלי בינה** האט מען אויך געזעהן, אז ער איז געווען איבעראל אינדערהיים.

**רבינו:** ער האט נישט נאר מעתיק געווען, נאר ער האט עס אויך געלערנט, פון דעם איז עס געווארן.

**האדמו"ר מקראלי:** היינט א מענטש מאכט אזא ליקוט, האט ער עס געקאפי"ט פונעם קאמפיוטער. אבער ער האט זיך מייגע געווען אויף תורה.

**רבינו:** מען זאגט נאך פון **רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל**, אז די גמרא (ירושלמי דמאי ד-א) זאגט, עם הארץ איז אימת שבת עליו. האט ער געזאגט, א גאנצע וואך האט דער עם הארץ נישט קיין מורא, ווייל ער קען נאכקוקען אינעם קאמפיוטער וועט ער עס טרעפן. אבער שבת קען ער נישט נעמען דעם קאמפיוטער, איז אימת שבת עליו.

**האדמו"ר מקראלי:** מען דארף וויסן וואס מלקט צו זיין אויך, נישט נאר סתם מלקט זיין. דאס האט ער נאך געמאכט ווען ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל?

**רבינו:** יא.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער איז געווען א יונגערמאן פון זעקס און צוואנציג יאר.

**רבינו:** ער האט אסאך צייט אוועקגעגעבן דערפאר.

**האדמו"ר מקראלי:** דער טאטע האט אויסגעלערנט אלע קינדער מוהלות?

**רבינו:** יא.

**האדמו"ר מקראלי:** ער האט געוואלט אז יעדער זאל זיין א מוהל?

**רבינו:** איך האב נישט געוואלט, ער האט מיך צוגעשטופט. דער ברודער אויך. ער האט געזאגט, אז די גמרא (ערכין טז:) זאגט, אז מען דארף אנהאלטן אומנות אבותיו. מען געפונט אין די גמרא (שבת קלג:) אז א מוהל האט געהייסען א 'אומן'. האי אומנא דלא מייץ. האט ער געזאגט, עס איז 'אומנות' אבותיו. איך בין א מוהל, און מיין טאטע איז געווען א מוהל, און מיין זיידע (הג"מ **רבי יונתן בנימין כ"ץ ז"ל, והגה"ק משאמלויא זצ"ל**) איז אויך געווען א מוהל, איך זאל מיך אויסלערנען.

**האדמו"ר מקראלי:** אז עס איז אומנות אבותיו, דארפן זיך די אבותיו אומקוקען, מען זאל קענען אנהאלטן די אומנות אבותיו. דער טאטע איז געווען מוהל ביי אונז, ביי מיין טאטן משפחה.

**רבינו:** מען דארף בעסערע זאכן איבערנעמען פון אומנות אבותיו...